ב"ה



# פארברענגען עם הרבי

# Farbrengen with the Rebbe

## כ"ף אב

התוועדות כ"ף אב תשמ"ה

ועד תלמידי התמימים העולמי
VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI

# פארברענגען
# עם הרבי

**התוועדות**
**כ"ף אב תשמ"ה**

יוצא לאור על ידי
**"ועד תלמידי התמימים העולמי"**
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.
שנת חמשת־אלפים שבע־מאות שבעים ושלש לבריאה

Published and Copyrighted by
"VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI"
Eastern Parkway, Brooklyn N Y 770 11213
vaadhatmimim@gmail.com | hatmimim@gmail.com
5773 – 2013

ב"ה

# פתח דבר

לקראת יום ההילולא ג' תמוז, וזה כבר כמעט תשע־עשרה שנה שאיננו זוכים להתראות עם נשיאנו כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, הננו מוציאים לאור קובץ זה, 'הנחה' מ**התוועדות כ"ף מנחם־אב תשמ"ה**, בקשר עם סרט־הצילום מההתוועדות היוצא עתה לאור בצורה מחודשת.

הוידאו יוצא במסגרת סדרת **"פארברענגען עם הרבי"**, המזכה את אלפי תלמידי התמימים ואנ"ש בכל רחבי תבל להשתתף ב"פארברענגען עם הרבי", בבחינת "יהא רואה בעל השמועה כאילו עומד כנגדו".

רובם של השיחות ממהלך ההתוועדות מופיעות בתרגום מילולי ע"ג המסך, וישנה אפשרות לראות את כל מהלך ההתוועדות במילואה על פי הסדר (ללא תרגום מילולי).

התרגום המופיע על גבי המסך, נערך בצורה מילולית בלה"ק, באנגלית, בצרפתית, בספרדית, בפורטוגזית וברוסית – מתוך השתדלות להיצמד ככל האפשר ל"לשון הרב", למעט מקרים בודדים בהם נעשה תרגום ענייני יותר, להבנת הענין לאשורו.

•

קובץ זה יוצא לאור כדי לשמש כעזר וכסיוע להכנת תוכן ההתוועדות מראש, ובו 'הנחה':

א) ב**לשון־הקודש** – הנחה בלתי־מוגה, ללא אחריות. ב) רשימת מילולית ב**אידיש** באדיבות JEM, חברת המדיה החב"דית. ג) בתרגום ל**אנגלית,** באדיבות Sichos in English.

לתועלת הלומדים ערכנו בזה אף **'סיכום וקיצור'** מהשיחות המופיעות בקובץ.

•

ויהי־רצון אשר בזכות ה'קאָך' בלימוד תורת רבינו, ובפרט באופן ש"רואה בעיניו ממש את המשלח, נשיא דורנו, שנותן לפניו היום שליחות זו", נזכה במהרה לקיום היעוד ד"תורה חדשה מאתי תצא", ונזכה לחזות באור פני מלך חיים, ולהשתתף בגשמיות ובמוחש בעוד פארברענגען עם הרבי, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

**ועד תלמידי התמימים העולמי**

כ"ח סיון ה'תשע"ג
בית חיינו – 770, ברוקלין, נ.י.

בשיחה ראשונה מבאר הרבי כי אף שלכאורה זוהי התוועדות הקשורה עם ענין פרטי, הנה בעצם יאָרצייט זה קשור עם כל אחד ואחד. נתבאר הטעם שבנ"י נמצאים בגלות, כי "ירידה צורך עליה". וכמו־כן גם ענין הסתלקות הצדיקים. והמעלה שהיתה ע"י הסתלקות בעל היא"צ היא ענין מסירות־הנפש.

בשיחה שניה מבאר הרבי כי למרות המעלות הקשורות בהסתלקות, הנה עיקר העבודה היא "נשמות בגופים" דייקא. כמו־כן מבוארים ענינים שוני באמונה ובטחון בה', וענינים הקשורים עם ז' מצוות בני־נח.

בהתוועדות זו השתתפו גם חניכי מחנה־הקיץ "גן ישראל". הרבי גילה להם חיבה רבה, הקדיש את השיחה השלישית למעלת הילדים, והורה להם לנגן ניגון ולומר 'לחיים'.

**בס"ד. הנחה מהתוועדות כ"ף מנחם־אב ה'תשמ"ה.**

בלתי מוגה

ס'איז דאך א התוועדות, א צוזאמענקומען פארבונדן מיטן יארצייט נאכן טאטען,

וכמדובר כמ"פ וואס אע"פ וואס לכאורה איז דאס א ענין פון א פרטי, וויבאלד אבער בכלל אז אידן קלייבן זיך צוזאמען ווערט עס שוין אן ענין כללי,

איז עצם זאך וואס דאס רעדט זיך וועגן א יארצייט פון א אידן וואס האט זיך מוסר נפש געווען על הכלל, און דאס איז אויך געווען בדרך הטבע – די סיבה פון זיין ניט אריכות ימים לפי ערך, דערפאר וואס מצד עבודתו בשביל הכלל האט מען אים פריער ארייגעזעצט במאסר – אין ארעסט, און דערנאך פארשיקט, און דארט גופא געמאטערט,

וואס דאס איז דאך געווען די לבושים בדרך הטבע וואס דערפאר איז געווען ניט קיין אריכות ימים, ווי ס'האט געדארפט זיין בדרך הטבע.

איז דאך דאס גופא מדגיש אז דאס איז אן ענין וואס איז שייכות צו א כלל, ובפרט נאך אז וויבאלד אז מ'זעט אז די פירות פון זיין מס"נ במדינה ההיא, האבן געבראכט פירות ופירי פירות,

דאס הייסט בפשטות: אידען וואס זיי זיינען לומדי תורה ושומרי מצוה בחיי יום יום, ניט קוקנדיק אויף דעם מצב ווי סאיז געווען דארטן בזמן ההוא, און אויך דערנאך אין די יארן לאחרי זה,

אפי' אט־די וואס מאיזה סיבה שתהי' האבן זיך ניט במילואם שומרי תורה ומצוה מצד סיבות שאינם תלויות בהם וכו', איז דאס גופא וואס א איד געפינט זיך א נשמה בגוף בעוה"ז הגשמי, איז דאך דאס גופא קומט צו אין "גוי קדוש" וואס יעדער איד זינט מ"ת האט דאך די הבטחה פון דעם אויבערשטען מיט די נתינת כח, אז "אתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש",

וואס "תהיו לי" האט דאך ביידע אפטייטשן: איר זאלט זיין, לשון של בקשה וציווי, און אויך א הבטחה: איר וועט זיין ממלכת כהנים וגוי קדוש,

און זה תלוי בזה, וויבאלד אז מ'האט דאך די הבטחה וואס יעדער איד האט, אז "בל ידח ממנו נדח", איז ווי ס'זאל ניט־זיין זיין מעמד ומצב בנוגע צו אידישקייט אין א זמן אדער מקום מסויים, איז א זיכערע זאך אז סוף סוף וועט ער זיך אומקערן לשרשו ומקורו, ווארום "בל ידח ממנו נדח",

– אט דאס וואס ער געפינט זיך אין א מצב בלתי בשלימות, איז דאס מערניט וואס דאס איז א ענין של הדחה, אזוי ווי ער איז אראפגעשטופט געווארן פון זיין ארט, און פון זיין שרש ומקור, און פון זיין סדר החיים – וואס דאס איז זיין סדר החיים טבעי,

איז דער אויבערשטער אזוי איינגעארדענט די וועלט אז סוכ"ס קומט "עולם על

מילואו, און נאכמערער ווי ס'איז געווען ביי "אלה תולדות השמים והארץ בהבראם" – וואס דעמאלט איז געווען במילואו שוין – וועט נאך זיין ביתר שאת וביתר עז לעתיד לבוא.

וואס דאס איז דאך א פארענטפרונג פארוואס ס'איז געווען א ירידה בינתיים, כדי זאל זיין אן עליה גדולה עוד יותר.

וואס דאס איז דאך אויך אן ענטפער [פאר] אט די וואס פרעגן א שאלה: ווי אזוי מאנט מען ביי זיי אז זאל זיין נעשה קודם לנשמע, וויבאלד אז ער איז א בעל שכל דארף דאך זיין פריער די הבנה והשגה פארוואס ער זאל זיך פירן באופן מסויים, און אט דעמאלט אז ער טוט, טוט ער דאס בשלימותו – בלב שלם.

משא"כ אויב ער וועט מקדים זיין נעשה איידער ס'וועט זיין די נשמע והבנה, קומט דאך אויס אז ער טוט א זאך מערניט ווי בחיצוניות, ווארום ער אליין איז דערביי ניטא – ס'מערניט זיין כלי העשיה, בידים ורגלים אדער אנדערע איברים וואס זיי זיינען מקיים די מצוה.

איז דאס אבער אין גאנצן ניט ריכטיג, ווארום בשעת א איד טוט א מצוה און פירט זיך ווי דער אויבערשטער וויל, אט דעמאלט געפינט ער זיך אין דעם מעמד ומצב וואס באמת איז דאס זיין מעמד ומצב טבעי.

אט דאס וואס ער געפינט זיך לפי שעה אין אן אופן ומצב וואס עס פעלט ביי אים אין שלימות פון קיום המצוות, איז דאס איז דער ענין – כאמור לעיל בלשון הכתוב – דערפאר וואס די תנאים אדער די ענינים האבן אים ארויסגעשטופט פון זיין ארט,

במילא איז פאראשטאנדיק אז [וווען] ער פירט זיך לויט זיין טבע – אט דאס איז זיין אמת'ע הנהגה, ואדרבה די הנהגה בלתי רצוי' איז דאס א מסובב פון א מעמד ומצב וואס אויף אים ארויפגעצוואונגען געווארן.

און אז ער טוט די מעשה בפועל, איז אט דעמאלט איז ניט ער נארט ח"ו איימעצען אפ, נאר פארקערט: ער שטעלט זיך אריין אין זיין מציאות האמיתית, און ווארפט פון זיך אראפ דעם אונס, די ענינים ופרטים וואס האבן אים געננייט ער זאל זיך פירן שלא כדבעי.

וכמדובר כמה פעמים שפיגלט זיך דאך אויך אפ אין א הלכה בפועל:

איז בהלכה הידועה אין רמב"ם ווי געבראכט מערערע מאל, אז אויב "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני", ווערט דאס אנגערופען "לרצונכם תזבחוהו" וואס דאס איז דאך א תנאי אין הקרבת הקרבן, אז זאל זיין "לרצונכם", און דא זאגט ער אז מ'דארף אנקומען צו "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני", ובשעת מעשה זאגט ער בפה אז דאס איז מערניט מצד די כפי',

איז דער רמב"ם מסביר, וואס ער איז דאך געווען די מורה הנבוכים בזמנו, און מורה הנבוכים דורך זיינע ספרים, אנהויבנדיק פון זיין עיקר ספר "יד החזקה",

– וואס דאס איז דאך די איינציקע ספר וואס ער האט געשריבען בלה״ק, וואס דאס איז מכוון במיוחד פאר ״גוי קדוש״, וויבאלד אז דאס איז געשריבן אין זייערע לשון,

משא״כ שאר ספריו, אפי׳ ספרים אין קדושה, אין תורה ומצוותי׳, האט ער געשריבן – וויבאלד אז מ׳האט געדארפט אז ס׳זאל אנקומען גלייך צו אידן, און זיי זאלן דאס גלייך קענען לערנען, נאך איידער זיי ווערן ארייגעשטעלט אין א מעמד ומצב פון פארשטיין לשון קודש, האט ער דאס דערפאר געשריבן אין דעם לשון וואס אידען האבן דעמאלט אנגענומען מצד דערויף וואס האבן זיך געפונען בגלות,

וואס גלות איז דאך אויך דער טייטש – ווי דערמאנט פריער, ״אל ידח ממנו״ – מ׳איז גולה פון זיין מעמד ומצב, פון זיין אמת׳ען מציאות, און מ׳געפינט זיך אין א פרעמדע לאנד, ובנדו״ד אין א פרעמדע מעמד ומצב,

און דער איינציקער ספר כאמור, איז דאס דער ספר ״יד החזקה״ וואס ער האט געשריבן בלה״ק, דערפון האט ער אויך אבער משפיע געווען און גענומען אין די ספרים זיינע, אויך די וואס ער האט געשריבן בלשון העם, ווי ער געפינט זיך אין גלות – אין אראביש, בזמנים ההם, כולל אויך די מורה נבוכים,

און ווי מ׳זעט דאך דאס אז אע״פ וואס דאס איז לכאורה א ענין – א ספר אין חקירה, איז ער אבער מיוסד און דורכגענומען, און ווי מ׳זעהט דאס אויך בפשטות עאכו״כ פון תוכן הענינים, אז ער איז אינגאנצן מיוסד אויף תורתנו הקדושה, אויף די דינים און די הוראות און די הלכות וואס געפינען זיך אין יד החזקה.

וואס דאס איז כאמור אויך בהנוגע לענינו, אז בשעת מ׳געפינט זיך אין גלות, איז דאך דאס לכאורה א מצב אמיתי, כידוע דער ווארט אז ״ניט מיט אונזער רצון זיינען מיר געגאנגען אין גלות״, מערניט וואס דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט, דערפאר געפינען מיר זיך אין גלות,

פרעגט מען דאך דעם דבר והפכו, אז מ׳איז אין גלות ״גלינו מארצנו״, גלינו פון דעם מעמד ומצב ״בנים שגלו מעל שלחן אביהם״,

ביחד עם זה אבער איז דארטן גופא יעדער רגע איז מעיד אז מ׳איז מקיים דעם רצון פון דעם אויבערשטען, וואס ער האט געוואלט – מאיזה סיבה שתהי׳ – אז די רגעים אדער די טעג אדער די וואכן זאלן זיך געפינען במעמד ומצב פון גלות.

און דאס איז די איינציקע סיבה וואס מ׳געפינט זיך אין גלות.

איז דאס איז טאקע א דבר והיפוכו: ״גלו מעל שלחן אביהם״, וביחד עם זה איז ״שכינתא בגלותא״ – האט מען דעם אב, צוזאמען מיט אים,

דא איז אבער נאכמערער: נוסף וואס שכינתא בגלותא, איז דאס גופא וואס ער געפינט זיך אין גלות איז דאס א גילוי פון דעם אויבערשטען וואס ער האט אים ארייגעשטעלט אין גלות,

במילא איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז ניט קיין גלות אמיתי, וויבאלד אז דאס איז מערניט מצד דערויף וואס ער איז מקיים דעם אויבערשטנס רצון, איז דאס דאך אדרבה: דאס איז א ענין וואס ער מקיים דעם אויבערשטנס רצון, און דורך דערויף איז "ציווי מלשון צוותא וחיבור", ווערט ער נתחבר מיטן אויבערשטען.

נאר, ס'דא אמאל וואס דער אויבערשטער וויל און איז מצווה, מ'זאל געפינען זיך אין א מעמד ומצב פון א בן חורין,

און איז דא אמאל וואס דער אויבערשטער וויל און איז מצווה, אז מ'זאל זיך געפינען אין א מעמד ומצב פון גלות,

אבער דער צד השוה שביניהם איז, אז אין ביידע אופנים פאראייניקט ער זיך מיטן אויבערשטן.

און דער אויבערשטער האט אויך געזאגט, אז דער רצון אז מ'זאל געפינען אין גלות איז דאס ניט א רצון בפני עצמו, דאס איז ניט ח"ו א זאך וואס מ'וויל צוליב דעם ענין אליין, דאס איז מערניט ווי א טפל און א סיבה, א ירידה, כדי מ'זאל דערגרייכען נאך א העכערע דרגה.

און געהערנדיק צו עם חכם ונבון, פארשטייט ער, אז ס'קען גאר אנדערש ניט זיין, אז אן "אב הרחמים" און "אב הרחמן" זאל נעמען א מציאות אויף וועלעכע ער זאגט אז "בנים אתם להוי' אלקיכם", און נאכמערער "בני בכורי", ווי א בן הבכור,

בפרט נאך לויט תורת הבעש"ט, אז יעדער איד איז חשוב ביי דעם אויבערשטען און באליבט ביי דעם אויבערשטן, ווי א בן יחיד – להבדיל – אין משל ווי א בן יחיד וואס איז געבארן געווארן ביי עלטערע מענטשן לעת זקנתם,

איז דאך פארשטנדיק, אז בשעת ס'פעלט עפעס דעם קינד, וואס ס'איז דאך ניטא קיין גרעסערע חסרון ווי ס'איז אט דאס וואס באיזה אופן שיהי' ובאיזה פרט שיהי' איז ער "גלו מעל שלחן אביו", ער זעהט ניט – "אותותינו לא ראינו" – ער זעהט ניט אלקות בגלוי.

ווי קומט עס אז אב הרחמים זאל צולאזען אז זאל זיין א חסרון און א ווייטיק און א צער ביי בנו יחידו שנולד לעת זקנתו?

איז דאס גופא מכריח צו זאגען, אז דורך דערויף וועט ער דערגרייכן צו אזא עליה וואס איז נאך מערער ווי ס'איז געווען קודם שגלו מעל שלחן אביו, עד כדי כך מערער וואס צוליב דערויף איז כדאי אז ס'זאל זיין די רגעים וואס ער געפינט זיך אין גלות לגבי די נצחיות און די מעמד ומצב נעלה ביותר, וואס ס'וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה, על ידי משיח צדקינו,

וויבאלד אז ס'איז ניט געווען קיין אנדערע וועג – מאיזה סיבה שתהיה – אז מ'זאל דערגרייכן צו דעם מעמד ומצב הכי נעלה, איז כדאי אפילו אזא מין צער ביי דעם אב הרחמים, נוסף אויף דעם צער וואס ס'דא ביי דעם בן שגלה מעל שלחן אביו.

וואָס דאָס איז דאָך אויך אַ ביאור אויף אַן ענין פון אַ יאהרצייט, וואָס די גמרא זאָגט דאָך להלכה, אַז בשעת ס'איז דאָ אַ [יציאת] הנשמה [מן הגוף] איז דאָס בדוגמא פון אַ שריפה פון אַ ספר־תורה,

און דאָס איז דעמאָלט דער גאַנצער שטורעם אין דעם ניט־גוטן אופן, ביז וואַנענט אַז ס'דאַרף זיין ששים ריבוא און נאָכמערער מלווים וכו' וכו'.

בפרט נאָך ווען ס'רעדט זיך וועגן אַ צדיק בגלוי – איז דאָך דאָס דעמאָלט ווי שריפת בית המקדש וכו'.

ווערט דאָך די שאלה – ס'איז דאָך אַ דבר והיפוכו, "מגיד דבריו ליעקב חוקיו משפטיו לישראל" – ווי אַזוי דערלאָזט דאָס דער אויבערשטער אַז ס'זאָל זיין אַ ספר־תורה שנשרפה; דאָס איז דאָך אַ היפך ההלכה?!

איז דערפון גופא פאַרשטאַנדיק, אַז דער פיקוח נפש וואָס ווערט דורך דערויף אויפגעטאָן, די עלי' הכי גדולה וואָס וועט דורך דערויף אַרויסקומען – איז אויך דוחה אפילו אַזאַ ענין הכי מבהיל וואָס דאָס ברענגט דערנאָך צו פראַווען אַ יאָרצייט.

וואָס דאָס איז אויך אַ ביאור והסבר, אַז בשעת ס'איז דאָ אַ טאָג פון אַ יאָרצייט, על אחת כמה וכמה פון אַ גדול בישראל, על אחת כמה וכמה פון אַזאַ וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען על הכלל, און מ'האָט אָנגענומען זיין מסירת־נפש, ביז מסירת־נפש בפועל – כלות הנשמה מהגוף.

און ווי דערציילט אַמאָל בארוכה וואָס ס'שטייט בהנוגע צום "בית יוסף", אַז בשעת ביי אים האָט געפעלט אין שלימות אין זיין עבודה – (האָט מען אים געזאָגט, אַז דערפאַר נעמט מען) האָט אים דערפאַר דער "מגיד" אָנגעזאָגט, אַז דערפאַר נעמט מען ביי אים צו דעם זכות ער זאָל אומקומען בפועל (על) מסירת־נפש על קידוש השם, דערפאַר וואָס ס'פעלט אין זיין שלימות העבודה.

וואָס נאָך דערויף ווי דאָס האָט פאַסירט האָט ער מסיים געווען ספריו, וואָס "לאורם נלכה", גייען אַלע אידן עד סוף כל הדורות – איז דאָך פאַרשטאַנדיק דער גודל הענין בזה, פון זיין אַ מורה־דרך לדורות ודורות פון אידן וואָס זיינען לאחריו עד סוף כל הדורות. וואָס (ס'איז דאָך) דער שולחן־ערוך איז דאָך דאָס אויך אַ ספר הלכות נצחיות.

זאָגט מען, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ העכערע זאַך דערפון, וואָס דאָס איז מסירת־נפש בפועל על קידוש השם.

און אָט דאָס איז געווען בהנוגע צו דעם יאָרצייט, און בנוגע צו דעם בעל היאָרצייט, בעל ההילולא – וואָס ביי אים איז געווען דער כלות הנפש מן הגוף בפועל, וואָס דאָס איז נאָך מערער בנוגע צו אויפטאָן בנוגע צו זיך (און צו אַרום זיך און בנוגע) ולמעלה – ביז וואַנענט אַז ס'איז געווען כדאי.

דערפון איז אָבער אויך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז ניט ממעט אָט די פעולותיו וואָס ער האָט געטאָן אין הפצת היהדות,

ואדרבא, וויבאַלד אַז די פעולות קומט דערצו נאָך צו דער סיפור און די הוראה וואָס מיט אים האָט געטראָפן בסוף ימיו, שלא בדרך הטבע, אַז ס'איז געווען דער קידוש השם בפועל, מסירת־נפש, יציאת הנפש מן הגוף – איז דאָך דאָס נאָך מערער מחזק די פעולה פון די זיינע פעולות בפשטות, אין הפצת היהדות ביי די אַלע וואָס ער האָט געפועל'ט דעמאָלט, און אויך באַ די וואָס ער פועל'ט איצטער דורך זיינע ספרים וואָס האָבן זיך אָפּגעדרוקט, און מ'לערנט זיי, און דורך לערנען די ספרים ווערט אויך ניתוסף אין לימוד התורה, וגדול לימוד שמביא לידי מעשה – אין קיום המצוות, איז דאָך דאָס הלוך והוסיף ואור,

קומט דערצו צו מידי שנה בשנה לערנט מען דאָך נאָך אין זיינע ספרים – קומט־צו נאָך אין פעולות און אין די תוצאות פון זיינע פעולות מידי שנה בשנה.

וואָס דאָס איז דאָך אויך אַ הסברה בפשטות, אַז נאָך דערויף ווי מ'האָט געפּראַוועט דעם יאָרצייט בשנה שעברה, און מ'האָט זיך משתדל געווען כל אחד ואחד, אַז דאָס זאָל זיין כדבעי, בתכלית השלימות,

דערנאָך, אַז ס'קומט דער יאָרצייט נאָכאַמאָל – פּראַוועט מען מיטן זעלבן שטורעם, און נאָכמערער "להעלות בקודש", מ'איז נאָך מוסיף אין דעם שטורעם,

וואָס איינער פון די טעמים בפשטות איז – וואָס דערווייל איז נאָך צוגעקומען אין די פעולות פון דעם בעל ההילולא, כאמור לעיל, דורך דערויף וואָס מ'האָט געלערנט זיין תורה, און דער לערנען האָט געבראַכט אויך צו מעשה, וואָס "המעשה הוא העיקר" – איז דאָך (דערפאַר) דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז גורם אַן עילוי אין דער נשמה פון דעם בעל ההילולא,

און וויבאַלד אַז באַ די איז דאָך ווי ער זאָגט אין אגרת הקודש אַז דאָס איז "פועל ישועות בקרב הארץ", דאָ למטה, למטה מעשרה טפחים, אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו – איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז אויך אַ הסברה אויף ביידע ענינים:

פאַרוואָס מ'דאַרף פּראַוועון די הילולא נאָך ביתר שאת וביתר עוז, און אויך אויך אַ הסברה – וואָס האָט דערצו אַ שייכות אַז ס'זאָל זיין אין אַן אופן של שמחה, מיט אַ ניגון און מיט זאָגן "לחיים", און (ווי מ'פלעגט דאָס) ווי מ'רופט דאָס אָן אין פוילן בלשון של "תיקון",

ביז וואַנענט אַז נוסף אויף די שמחה וואָס קומט (דערצו) דערפון וואָס אידן קלייבן זיך צוזאַמען כולנו כאחד, איז דאָך דאָס גופא אַ שמחה הכי גדולה, כפתגם פון דעם אַלטן רבי'ן הידוע בזה – קומט־צו אויך אַ שמחה אין דעם תוכן פון יום זה, וויבאַלד אַז בינתיים איז צוגעקומען אין ענינים של "פיקודי הוי' ישרים משמחי לב" און די מצוות אירע, וואָס יעדער מצוה איז דאָך פאַרבונדן מיט אַ שמחה של מצוה, איז דערפון אויך פאַרשטאַנדיק, אַז די התוועדות בקשר עם זה ווערט אויך אַן ענין של שמחה,

ביחד וואָס מ'דערמאָנט און מ'געדענקט וועגן דעם ענין אַז ס'רעדט זיך וועגן אַ

הסתלקות, אָבער דאָס ווערט אַ "הסתלקות" ווי ער איז מבאר נשיא דורינו אין די דרושי ההילולא, אַז "הסתלקות" איז דאָ אין אַן אופן ווי מ'זאָגט בהנוגע צו דעם אויבערשטן, אַ ("סליק יקרא בכולהו עלמין") "אסתלק יקרא בכולהו עלמין",

וואָס דאָרט איז דער פשט ניט חס־ושלום אַז ער טוט זיך אַוועק פון די "כולהו עלמין", נאָר ער שטייט אין די עלמין אין אַן אופן פון "אסתלק"; ניט נאָר "ממלא כל עלמין", נאָר אויך די ג־טלעכקייט וואָס דאָס איז העכער פון עולם געפינט זיך אין דעם עולם ופועל פעולות ופועל ישועות בקרב הארץ.

וואָס דאָס איז אויך בהוספה אויף די פתיחה כללית, וואָס "פותחין בברכה" ווען אידן קלייבן זיך צוזאַמען – איז אויך קומט־צו דער ענין אַז ס'קומט־צו חיות, ווי ס'שטייט דאָך בהנוגע צו אַן ענין פון הילולא והסתלקות, אַז דעמאָלט איז געפינט ער זיך "אשתכח יתיר בכולהו עלמין", נאָך מערער ווי ס'איז געווען פריער,

נוסף אויפן לשון ווי דאָס איז על פי מנהג ישראל – וואָס "תורה היא" – אַז בשעת מ'זאָגט ווענגן אַ אידן וואָס ער האָט זיך געפעלט, איז ניט חס ושלום אַז ער האָט זיך "געפעלט" ווי דער אָפּטייטש אין זשאַרגאָן, נאָר מ'זאָגט "שבק חיים לכל חי", אַז דאָס האָט נאָך מוסיף געווען לכל חי נאָך מערער, אַז ס'זאָל זיין באַ זיי חיים,

וואָס דאָס קומט אַרויס בגלוי [וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון חיים] קומט דאָס אַרויס בגלוי דורך דעם ענין פון הסתלקות, ביז בגלוי בדוגמא ווי מ'זאָגט באַ חמשה עשר באב – דאזלינן מיני' – אַז "יוסיף חיים על חייו".

און דאָס דאַרף אַרויסקומען אין דעם אמת'ן חיים פון אַ אידן, וואָס "התורה היא חיינו", און די מצוות איז דאָך "וחי בהם", "אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" – דאַרף דאָס אַרויסקומען במעשה בפועל, אַז פון דער התוועדות זאָל צוקומען אין חיים אמיתיים פון יעדער אידן, וואָס דאָס איז אויך זיינע חיים אמיתיים מצד זיין גשמיות, כמדובר לעיל – אָט דאָס איז זיין אמת'ער מעמד ומצב, אידישקייט, לימוד התורה וקיום המצוות,

זאָל דאָס אַרויסקומען בפועל,

און דורך דערויף וואָס מ'איז מוסיף "חיים על חייו" בפשטות, במילא איז ער דאָך אויך ווערט דורך דערויף ניתוסף אין תורה "היא חיינו" און אין קיום המצוות וואָס "וחי בהם",

היילט דאָס נאָכמערער צו די גאולה האמיתית והשלימה און תחיית המתים, ו"הקיצו ורננו שוכני עפר", וואָס דעמאָלט וועט דאָך זיין דער שלימות (החי) אין חיים – חיים נצחיים, שאין אחריהם אַן ענין שלא באופן כזה, כידוע די פלוגתא פון רמב"ם און רמב"ן, און וואָס חסידות (איז דאָך מכרי) און קבלה זיינען דאָך מכריע כדעת הרמב"ן, אַז שלימות השכר איז אין עולם התחי', אין נשמות בגופים, וואָס דעמאָלט וועט זיין חיים נצחיים, נצחיים בפשטות, נשמות בגופים.

וואָס כן תהי' לנו על ידי אויך בזירוז ובהקדמה יותר, על ידי תוצאות פון די התוועדות זו, ווי ס'וועט ארויסקומען בגלוי, בתורה ומצוותי', וועט דאס נאכמערער צוהיילן די גאולה האמיתית והשלימה, אין אן אופן פון חיים

– און חיים אמתיים איז דאך אויך פארבונדן מיט עשירות, וואס דעמאלט איז דאך די גאולה אין אן אופן פון ארו עם ענני שמיא, אז ברגע כמימרא, (גיט מען א קוק) געפינט מען זיך צוזאמען בתחיית המתים

– וואס צדיקים, פאר זיי איז דאך דער תחיית המתים תיכף ומיד, ווי די גמרא זאגט דאס בפירוש אז אהרן ומשה עמהם, גלייך ווי יבנה בית המקדש, ועל דרך זה, צו די אלע וואס זיי זיינען רעיא מהימנא, געווען רועה לצאן מרעיתו כל אחד ואחד בזמנו ומקומו, איז דאך די תחיית המתים שלהם תיכף ומיד,

געפינט מען זיך מיט זיי אלעמען, כאמור "והקיצו ורננו שוכני עפר", וברגע כמימרא, דערפאר וואס מ'פליט דאך עם ענני שמיא, בנערינו ובזקננו בבנינו ובבנותינו – שלימות העם, צוזאמען – מ'נעמט דאך מיט די בתי כנסיות ובתי מדרשות מיט די אלע ענינים וואס מ'האט דארט מתפלל געווען און מ'האט דארט געלערנט.

ובמכל שכן וקל וחומר, מה דאך אז מ'נעמט מיט די בנינים גשמיים, על אחת כמה וכמה אז מ'נעמט מיט די ענינים רוחניים וואס איז אין זיי געווען.

האט מען דאך דארטן אויך די שלימות פון תורה ומצוותי', און מ'געפינט אויך דארטן הארץ בשלימותה, און די שלימות האמיתית, וואס דאס איז פארבונדן מיט ירחיב הוי' את גבלוך, אויך קיני קניזי וקדמוני, ובעגלא דידן ממש, במהרה בימינו ממש.

* * *

פונדעסטוועגן לאחרי כל העילוי וואס ס'איז דא אין אן ענין פון הסתלקות, איז דאך די שליחות פון א אידן און פון א מענטשן בכלל, אז מ'זאל מאכן א דירה לו ית' בתחתונים דוקא, און דוקא א נשמה בגוף.

און די ראי' אויף דערויף איז דאך אויך דערפון וואס דערמאנט פון פריער, אז די פס"ד בלייבט אז שלימות השכר איז דוקא נשמות בגופים, ווי ס'וועט זיין בעולם התחי'.

וואס אין דערויף קומט צו אויך לכאורה א דבר והיפוכו:

אז מ'געפינט, לויט אמונה, און לויט ווי תורת חיים – וואס דאס איז דאך א הוראה בחיי יום יום – זאגט אן, צוויי ענינים, וואס לכאורה איז דאס א הפכים:

ס'דא דער ענין, אז ס'דארף זיין א מידת הבטחון, וואס דאס איז מיסודי אמונתנו ותורתנו,

וכמבואר אין הלכה בנוגע (צו דעם) [אז] ענין פון בטחון איז, מיינט מען דאס אן פשטל'עך כפשוטו: אז ס'וועט זיין גוט בטוב הנראה והנגלה,

כמבואר בארוכה אין שער הבטחון וחובת הלבבות ובכ"מ, און אויך פארשטאנדיק

פון כמה וכמה מקומות אין ש"ס, נוסף אויף דער דרושים אין חסידות וואו ס'רעדט זיך וועגן ענין הבטחון וביאורי הזהר פון מיטלען רבי'ן, ביאורי הזהר פון צ"צ און לקו"ת אויף בטחו בהוי' עדי עד ובכמה מקומות.

וכאמור, דער דיוק בזה איז, אז זאל זיין בטוב הנראה והנגלה.

ועד כדי כך, אז מ'דארף מתפלל זיין, און משתדל זיין, אז ס'זאל אזוי זיין, ביז אז מ'זאגט אז "לעולם אל יתייאש אדם עצמו" – ווי מ'זאל אים ניט באווייזען מלמעלה אדער מלמטה און סימנים וכו', דארף ער זיין חזק בבטחונו בה' אז ער קען – ע"י תפילתו ומעשיו הטובים – מהפך זיין אז ס'וועט זיין אדרבה, "כיתרון האור מן החושך" נאמכערער ווי ס'איז געווען פריער.

וכמדובר, דער דיוק בזה איז אז דאס איז דוקא בטוב הנראה והנגלה.

ביז ווי דאס קומט ארויס אין הלכה בפועל: ווי דער רמב"ם שרייבט אין הל' תפלה בתחילתו, אז דאס איז א מ"ע מן התורה אז בשעת ס'פעלט עפעס א אידן, וואס פאר א צרכים ס'זאל ניט זיין, דארף ער – און דאס איז א עשה בדבר – מתפלל זיין להקב"ה שימלא צרכיו,

און דאס איז דער ענין פון מצות התפילה, וואס תפילה איז דאך פירוש המילות, לכל לראש פירוש המילות כפשוטו, וואס דארטן רעדט זיך וועגן ברכת השנים ורפואת החולים מיט כל הפרטים ווי אויסגערעכנט אין תפילת העמידה, מיט פרטים ופרטי פרטים, – ווארום אין שמע קולנו קען מען דאך מוסיף זיין נאך פרטים ופרטי פרטים נוסף אויף דעם נוסח השוה לכל נפש.

ביחד עם זה זאגט מען, אז לאחרי ווי א זאך האט שוין געטראפן, איז אט דעמאלט דארף זיין "מודה לו באיזה מידה שהוא מודד לו", "כשם שהוא מחוייב לברך על הטוב אזוי אויך אויפן היפך, און ווי יעדער ענין אין קיום מצוה דארף דאס זיין באופן של שמחה.

און ווי מ'זאגט אויף דערויף, אז מ'דארף זאגן אויף "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" און "גם זו לטובה"

– וואס דאס ["גם זו לטובה"] איז נאכמערער, ובלה"ק, כמדובר בארוכה כמ"פ ווי דאס איז בפשטות, [און] אויך פארשטאנדיק פון די דוגמאות וואס די גמ' ברענגט, אז בהנוגע צו "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" איז געווען מערניט וואס מ'האט מונע געווען א היזק; בהנוגע צו "גם זו לטובה" פון נחום איש גמזו, איז ניט נאר מ'האט מונע געווען א היזק נאר ס'איז גאר געווען אז פון דעם עפר – אויף וואס ס'איז איבערגעביטען־געווארן פון די אבנים טובות ומרגליות – איז דאס געווען נאכמערער ווערט ווי אבנים טובות ומרגליות, כמבואר אין דעם סיפור בפשטות.

וואס דער ביאור בזה איז, אז א איד איז אלעמאל דארף ער לעבן מיט תורת חיים, וואס דער סימן פון לעבן איז בשעת ער שטייט במרץ ובחיות ובשמחה, און וויבאלד

אז כל רגע פון לעבן – אע״פ וואס ס׳דא שינויים אין כמה פרטים – ס׳איז דאך דער זעלבער ענין, התוכן הפנימי איז אז דאס איז דער ענין פון חיים, איז במילא בכל מעמד ומצב דארף ער לעבן מיטן גאנצן שטורעם.

במילא איז אפי׳ אז ס׳האט געטראפען א זאך וואס זיין תפילה האט ניט געהאלפען, איז א זיכערע זאך אז דאס דארף ניט מינערן – ממעט זיין – אין זיין חיים, וויבאלד אז ער האט נצטווה געווארן ער זאל דינען לאלקים חיים, דורך ממלא זיין די הוראות פון תורת חיים, בחייו יום יומיים, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז עס דארף ביי אים זיין תמיד די עבודת הוי׳ בשמחה וטוב לבב, ״לקבולי בשמחה״,

אע״פ וואס ער בעט בשעת מעשה, בהנוגע להוה ולעתיד, אז זאל זיין בטוב הנראה והנגלה דוקא.

וואס דאס איז אויך איינער פון די ענינים, וואס לכאורה איז דאס לאו דוקא שייכות א ציווי פאר אידן, נאר אויך א ציווי פאר כל בני נח – פאר כל העולם כולו.

וכמדובר כמ״פ און אויך מבואר בפשטות, אז ס׳דא מצוות אין וועלכע אלע זיינען מחוייב, ווארום די שבע מצוות בני נח זיינען דאך אויך א טייל פון די תרי״ג מצוות פון אידן, נאר וואדען? דארטן שטייען זיי אין א עילוי יותר גדול, אין א מעמד ומצב נעלה יותר,

אבער דער תוכן שלהם, דער ״לא לתהו בראה אלא לשבת יצרה״ איז ״לשבת יצרה״ – וואס דאס איז דער ענין פון די שבע מצוות בני נח און די סעיפים שלהם – איז דאס א ציווי אויף יעדער אידען און אויף אלע אידן, וואס אין דערויף גלייכט דאך אויס די בני נח מיט אים.

במילא ווערט די שאלה, צי דער ענין האמור, אז ס׳דארף זיין ביידע ענינים – בטחון בה׳ אז ס׳וועט זיין בטוב הנראה והנגלה, וביחד עם זה א זאך וואס איז געווען בעבר, דארף זיין דער זאגען און דער מיינען [ד.ה.] זאגען מיט אן אמת, אז ״כל מה דעביד רחמנא לטב עביד״ און נאכמערער ״גם זו לטובה״, דארף דאס אויך זיין מיט אן אמת,

וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיט אמונה בה׳, און אמונה בה׳ ווי דער אויבערשטער איז א בורא עולם ומנהיגו,

ווארום אט דאס וואס בני נח זיינען מצוה באמונה, זיינען זיי דאך ניט מצווה באמונה אז האט קיין שייכות ניט צו זיין לעבן בעלמא דין און צו זיין הנהגה בעלמא דין, דאס איז דאך פארבונדן מיט זיינע קיום מצות ה׳ דוקא בעולם הזה התחתון, כולל אויך די מצות דינים וכו׳, וואס זיי זיינען דאך דער ישוב העולם.

במילא איז דאך פארשטאנדיק, אז די אמונה דארף ביישטייען ביי אים אין דערויף, אז דער אויבערשטער איז א טוב ומטבע הטוב להיטיב, במילא איז פארשטאנדיק אז ס׳דארף זיין ״לשבת יצרה״.

– צו אים איז קיין שייכות ניט די פנימיות התורה וכיו״ב, אדער ״לידע״ מיט אלע

פרטים וואס די רמב"ם רעכנט אויס בתחלת חבורו, וואס דאס איז דאך "הלכות הלכות" מערניט פאר בנ"י;

אבער דער כללות הענין, אז ס'דא דער אויבערשטער און ער פירט אן מיט דער וועלט, געפינט מען דאך אז "אחד הי' אברהם", האט ער דאס געטאן בהנוגע לכל באי עולם, און דערנאך איז דאס איבערגעגעבען געווארן צו יעדער אידן און צו אלע אידן בשעת מ"ת ע"י משה רבינו, אז זיי זאלן [זעהן] לכוף כל באי עולם אויף מקיים זיין די מצוות שנתחייבו בהם,

וואס זיי זיינען פארבונדן מיט ישוב העולם, וואס ישוב העולם איז פארבונדען ניט סתם אז ס'דא א בורא עולם – נאר אז דער בורא עולם איז אויך א טוב און ער וויל להיטיב לברואיו, וואס דערפאר איז דער מצות דינים וכו'.

וואס דערפאר לייגט זיך צוזאגען, אז דער ענין האמונה, און דער הפכו דער ענין פון שלילת ע"ז, וואס דאס איז דאך פון די שבע מצוות בני נח, איז אויך – בהנוגע צו בני נח – אויך כולל אין זיך די ידיעה אז מ'דארף מתפלל זיין להקב"ה על כל צרכיו,

וואס דאס איז דאך אויך דער ביאור בפשטות וואס מ'האט געשיקט יונה הנביא אז ער זאל מעורר זיין די אנשי נינוה ופרעה בראשם, אז זיי זאלן קומען צו דעם מעמד ומצב – מתפלל זיין להקב"ה, אויף מבטל זיין די גזירה שעליהם,

וואס דארט איז געווען א גזירה על ידי נביא, וואס "גילה דברו על ידי עבדיו הנביאים", איז דאך דברו, ס'איז דאך א דבר וואס ס'איז שלא לטוב, למוטב, איז קען דער נבואה דערנאך בטל ווערן על ידי תפילה ומעשים טובים וכיו"ב.

איז האט מען געשיקט, און דאס ווערט א טייל פון די הוראות פון תורה, אז מ'זאל וויסען זיין, אז אויב בהנוגע צו נינוה און צו בני נח זיינען זיי מצווה אין דעם ענין התשובה והתפילה אויף ממלא זיין צרכיהם,

וואס אע"פ וואס תפילה איז דאך ניט פון די שבע מצוות בני נח, [איז] דארטן רעכנט ער אבער מערניט ווי די מצוות ל"ת, משא"כ די מצוות עשה,

און דערנאך יש לומר אז דאס איז ניט א מצוה בפני עצמה, דאס איז א טייל פון שלילת ע"ז און אמונה בה', און מצוות דינים. משא"כ ביי אידן ווערט דאס א מצוה בפני עצמה, ואין כאן המקום להאריך בזה.

וואס עפ"ז קומט־אויס, אז אין די ענינים וואס א איד דארף זיך משתדל זיין, פועל זיין אויף אלע וואס געפינען זיך ארום אים אפילו אויך ניט־אידן – בנוגע צו שבע מצוות בני־נח – איז דאס אויך כולל בזה, אז ער דארף אויף זיי אוינווירקן, אז זיי זאלן וויסן זיין, אז נוסף וואס "יש מנהיג לבירה זו", איז דער מנהיג – אן עצם הטוב ומטבע הטוב להיטיב, במילא איז ער שולל די ענינים בלתי־רצויים,

און מ'דארף טאן, וויבאלד אז דערויף איז מען ממלא דער רצון בוראו פון אט דעם

בן־נח – איז דאך פארשטאנדיק, אז וויבאלד אז דאס האט אים אנגעזאגט אט דער וואס האט אים באשאפן,

וואס דאס איז דאך א חלק פון אמונת בני־נח אין וועלכע זיי זיינען אויך מחוייב, ווארום בשעה פרעה האט געזאגט "לי יאורי ואני עשיתיני" – איז דאס געווען דער גרעסטער חטא וואס ווערט ביי אים גערעכנט, נאך מערער ווי ביי אלע איבעריקע, כמבואר בארוכה אין דרוש פון "תער השכירה" וכיו"ב,

דארף מען זיך אויך משתדל זיין, כמדובר כמ"פ, אז די גאולה (בגאולה?) האמיתית והשלימה פון אידן איז דאך אויך פארבונדן מיט "לתקן עולם במלכות ש־ד־י", אז די גאנצע וועלט זאל נשתנה ווערן אין א מעמד ומצב אז עס וועט זיין "והיתה להוי' המלכות" –

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז מ'דארף טאן, כל אחד התלוי בו, אויף מקרב זיין דעם מעמד ומצב העולם צו זיין א כלי מוכשר אז מ'זאל זען "לעבדו כולם שכם אחד, והיתה להוי' המלוכה".

וואס דאס איז געזאגט געווארן בנוגע צו יעדערן וואס האט א משא־ומתן און א קשר מיט בני־נח בעניני פרנסה וכיו"ב,

איז דאך כמדובר כמ"פ דער דין שו"ע, אז "כל מעשיך יהיו לשם שמים" ו"בכל דרכיך דעהו, – איז מען מרגיש, אז דאס איז "דרכיך, דאס איז זיינע דרכים, אדער "מעשיך", זיינע מעשים – עניני רשות; אויף וואס דארף ער זיי נוצן – דארף ער זיי נוצן אויף "לשם שמים", און ער דארף זיי נוצן אויף "דעהו" – אז עס זאל צוקומען אין דעת הוי' (אולי התכוון להפסוק "דע את הוי'", כי כן התחיל לומר ("דע את") וחזר בו).

אין אע"פ וואס אים ווייזט זיך אויס, אז זיי קשר מיט די בני־נח איז, דערפאר וואס דורך זיי דארף ער באקומען פרנסתו ופרנסת בני־ביתו –

דארף ער אין דערויף אויסנוצן, און אדרבא, דאס דארף ווערן ביי אים דער עיקר, אז דאס זאל זיין "לשם שמים" ו"דעהו"; אויסנוצן דאס אויף מדריך זיין און ארייינפלאנצן בא די בני־נח מיט וועלכע ער קומט בקשר, אז זיי זאלן וויסן זיין, אז זיי דארפן מקיים זיין אט די אלע מצוות מיט אלע זייערע פרטים ופרטי־פרטים כמדובר כמ"פ בארוכה.

און מדובר אויך בארוכה בעבר בכמה התוועדויות, אז עאכו"כ אט די וואס האבן א קשר מיט בני־נח וואס זיי זיינען משפיע, זיי פירן־אן מיט כמה בני־נח שמסביבם, אדער פירן־אן מיט א גאנצער שכונה אדער מיט א גאנצער שטאט אדער מיט א גאנצער מדינה, סטייט וכיו"ב –

איז דאך זייער שליחות און זייער אחריות גדולה פי כמה.

און אע"פ וואס דאס איז לכאורה אן אחריות הכי גדולה: פועל זיין, נוסף וואס ער דארף פועל זיין בא זיך ער זאל זיין א איד (השלם בכל עניניו – דארף ער אויך פועל

זיין, אז די בני־נח שבסביבו, און די גאנצע שטאט אדער די גאנצע מלוכה זאל אויך שטיין בשלימות האפשריות –

איז וויבאלד אז מ'האט די הבטחה, אז "אינו מבקש אלא לפי כחו",

וואס דאס איז מובן אויך בפשטות, אז זיכער וועט דאך דער אויבערשטער ניט ארויפלייגן א שליחות און א תפקיד אויף א מענטשן אדער אויף אן ענין – אויב ער גיט אים ניט פריער די כחות ער זאל דאס קענען דורכפירן, און קענען דורכפירן בשלימות.

דערביי דארף ער דאס אבע טאן אלס א שליחות פון דעם אויבערשטן, און זאגן דעם אפענערהייט, אז ער רעדט מיט אים כדי צו משפיע זיין אז די וועלט זאל ווערן מענטשלעכער, און נאכמערער – די וועלט זאל ווערן געטלעכער, מער כלי לקבלת מלכותו ית', "והיתה להוי' המלוכה",

און די טענה וואס מ'האט, אז מ'טאר ניט מישן דת מיט עניני הנהגת המדינה – האט שוין דער נשיא פון דער מדינה מבטל געווען די טענה, וואס ער אליין האט מכריז געווען, אז עס מוז גיין צוזאמען,

און דא רעדט זיך ניט וועגן מאכן דערפון א געזעץ ווי אלע געזעצן, נאר מאכן דערפון – פארקערט – א געזעץ איבער אלע געזעצן,

אז פונקט אזוי ווי ער דארף טראכטן וועגן חיים שלו, וואס ביי א אידן איז דאך דאס דורך דערויף וואס ער לעבט ע"פ תורה וואס "היא חיינו", און קיום מצוותי' וואס "וחי' בהם" –

און צום אלעם ערשטן, איידער נאך ער מאכט פון דעם בן־נח שבסביבתו, אז ער ווערט אזא וואס פאלגט אויף אלע חוקי המדינה – איז צום אלעם ערשטן דארף ער פון אים מאכן א לעבעדיקע זאך,

און דער מקור החיים פון יעדער זאך בעולם, אפילו פון בעלי־חיים, אפילו פון צומח און דומם, עאכו"כ – פון מדבר, פון בני־נח, איז דאך, כאמור לעיל, דאס איז אמונה אפילו פון בני־נח, אז מ'איז "יש בורא ובעה"ב לבירה זו".

איז ניט שייך זאגן אין דערויף – ארייננגיין דאס אין גדר חוק, ווארום א חוק איז שייך צו זאגן, לאחרי דערויף ווי ס'איז דא א לעבעדיקע זאך, אט דעמולט קען מען אים אנזאגן: הער זיך איין, דו דארפסט מקיים זיין די חוקים;

צום אלעם ערשטן דאראף מען אבער זען ער זאל זיין לעבעדיק!

און דורך וואס ווערט א מענטש, און יעדער נברא, לעבעדיק – דורך דערויף וואס אין אים איז דא דער דבר הוי', וואס "בדבר הוי' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם", ווי ער איז מבאר בארוכה אין שער היחוד והאמונה פון דעם אלטן רבי'ן, וע"פ תורת הבעש"ט,

און דארף דאס טאן אויך בשמחה ובטוב לבב,

און דערנאך איז ער אים אוי מסביר די שאר הפרטים.

און בשעת ער זאגט אים ווי די מעשה איז – איז דברים היוצאים מן הלב – נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם,

בפרט נאך אז ער באווייזט אליין א דוגמא חי׳ מחיי יום־יום שלו,

און מ׳זעט אז ער וועט ניט מיר פון צו רעדן וועגן זעט, און ער טוט דאס ניט דערפאר וואס אים פעלט כבד, ווארום כבוד האט ער שוין, און ניט דערפאר וואס ער וויל האבן געלט – ווארום געלט האט ער ניט דורך דעם, נאר דורך אנדערע אופנים,

איז דאך פארשטאנדיק, ובפרט נאך אז מ׳זעט די הארציקייט מיט וועלכע ער רעדט – אן ער מיינט דאס מיט אן אמת, און חזקה על דברי אמת, ובפרט כשיוצאים מן הלב – אז זיי זיינען פועל פעולתם,

און וויבאלד אז דאס איז אן ענין וואס אין טבע בני־אדם, לאו דוקא אין טבע פון אידן, נאר בלשון ווי ער זאגט אין משלי "כמים הפנים לפנים כן לב האדם אל האדם" – וואס דאס מיינט ער דאך יעדער אדם, יעדער מענטש,

איז דערפון קומט אויך ארויס די תוצאות, אז דברים היוצאים מן הלב – איז נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם.

און מ׳דארף אויף דערויף ניט האבן קיין ראיות פון ספרים, ווי די גמרא זאגט, אז "קרא למה לי – סברא היא" – עד"ז איז "סברא למה לי" – בשעת ס׳איז דא דער מעשה רב,

ווי מ׳זעט דאס בפועל, אז די וואס האבן דאס געטאן בפועל – האבן זיי מצליח געווען און פארשפרייט אמונה בה׳ וקיום מצוותיו – בנוגע צו בני־נח די שבע מצוות בני־נח; בנוגע צו אידן – די כל המצוות כולם,

און זייערע רייד, אפילו לכתחילה אט זיך אים אויסגעוויזן, אז אפשר ווערט מען ברוגז פארוואס מ׳מישט זיך אריין צו יענעם אין זיינע פריוואטע ענינים פרטיים –

איז צום אלעם ערשטן איז דאס ניט קיין ענין פרטי: הנהגה פון א נברא אין וועלט – איז נוגע און פועל׳ט אויף דער גאנצער וועלט,

ביז וואנענט ווי גערעדט אמאל ע"ד הצחות, אז אנשי מדע זאגן, אז בשעת א מענטש גיט א בלאו אין זיין ווינקל – איז דערגרייכט דאס עד סוף כל העולם, ווארום דער אויר טראגט אריבער די נפיחה בפיו אדער בחוטמו – ווערט דאס אריבערגעפירט דורכן אויר צו אלע אוירים בכל העולמות כולם, סיי למטה, סיי אויך באוירים שלמעלה,

ס׳איז מערניט די נפק"מ איז: בשעת ער איז נופח בחזקה – איז דאס א שטארקערע באוועגונג, און א שטארקערע פעולה; אויב ער מאכט דאס בחלישות – איז דאס א שוואכערע באוועגונג, אבער ס׳איז א זיכערע זאך אז דאס פועל׳ט אויף.

וואס דאס איז אויך, כאמור, איינער פון די לימודים, אז בשעת עס קומט צו א יארצייט, וואס דאס איז דאך, לכאורה, אן ענין פון הסתלקות הנשמה [מ]הגוף,

וואס אע"פ וואס, כאמור, פאר דער נשמה איז דאס אן עילוי הכי גדול, כמדובר לעיל אין דעם סיפור פון דעם ב"י;

בנוגע אבער צו "לשבת יצרה" בעוה"ז התחתון – דארף מען האבן מעשה בפועל למטה מעשרה טפחים, וואס [דערפאר] דערף מען האבן דוקא א נשמה בגוף,

און וואס ממלא זיין די שליחות פון דעם אויבערשטן בנוגע צו זיך און בנוגע צו ארום זיך און בנוגע צו בני־נח ארום זיך, ביז אויך צו די בעלי־חיים און צום צומח, און צו דעם מדבר, אז אין יעדערן, "בכל מעשיך", זאל זיין "לשם שמים", און דערנאך אויך – "דעהו" – איז ער ממלא שליחותו של הקב"ה, וואס דאס איז נאך גרעסער פון דעם עילוי וואס עס ווערט אין אים ע"י מסירת נפשו.

וכידוע די דוגמא וואס עס ברענגט נשיא דורינו אין זיינע מאמרים, דער חילוק פון דער עבודה פון ר"ע מיט אברהם אבינו:

וואס ר"ע האט געזאגט, ווי די משנה דערציילט אין סיום פון מסכתא ברכות, אז "כל ימי הייתי מצטער מתי יבוא לידי ואקיימנו" דער ענין פון מס"נ בפועל,

און דערפאר אז ס'האט געקומען בפועל, איז תלמידים ביי אים געפרעגט "עד כדי כך"? האט ער געזאגט אז אויף דערויף האט ער געהאפט!

ביי אברהם אבינו (אברהם'ס אבינו עבודה איז געווען) זיין עבודה איז געווען – ווי ער זאגט אין פסוק – "ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם", ניט "העולם",

טייטשט דאך אפ חסידות אז אברהם אבינו האט אויפגעטאן אז ס'איז געווארן אויס הפסק, אז מ'דארף ממשיך זיין פון א־ל אין דעם עולם, ס'איז געווארן א־ל עולם, די גאנצע וועלט איז געווארן א דירה לו ית', ווי זי שטייט אין אן אופן של ביטול צו דעם א־ל!

איי, וואס ס'האט דאך אויך געטראפן באמצע (ב)עניני עבודתו, אז ער דארף אנקומען צו מס"נ, ניט נתפעל ווערן פאר כבשן האש פון נמרוד'ן – האט ער דאס אויך געטאן. אבער דאס איז ביי אים געווען אן עשיה אין אן אופן פון "עוד" וטפל צו עיקר עבודתו, וואס עיקר עבודתו איז געווען פארשפרייטן אלקות בכל העולם כולו.

אפי' ביי ר"ע, וואס מ'זאגט "הייתי מצטער" – אין וואס אבער ס'האט באשטאנען זיין עבודה? ניט האט באשטאנען זיין עבודה אז ער האט זיך אליין געווארפען רחמנא ליצלן אין דער מיתה, אין דער קידוש ה' – דאס ער האט ניט געטארט טאן, ושמרתם מאוד לנפשותיכם! ס'מערניט וואס בנפשו איז געווען אן ענין פון צער.

וואס איז געווען עבודתו בפועל, ובשלימות השנים – ווי ער זאגט אז ס'איז געווען שניו אויך – אין ספרי בסופו – אויך מאה ועשרים שנה, און ארבעים שנה איז ער געווען

במעמד כך, און דערנאך ארבעים שנה למד און ארבעים שנה לימד, בדוגמא ווי משה רבינו, הלל הזקן וכו׳ – אט דאס איז געווען עבודתו בפועל.

וואס דאס איז אויך עבודת כאו״א כמדובר כמ״פ [אז] א סיפור אין תורה, בפרט נאך א סיפור וועגן א הנהגה פון מנהיגי ישראל ורועי ישראל, ועד״ז אויך אין תורה שבע״פ, ווען ער דערציילט א סיפור פון א מנהיג בישראל ואופן עבודתו –

ווערט עס אויך, נוסף אויף דעם סיפור, איז דער עיקר גאר שבזה איז, אז דאס ווערט א הוראה ווי אזוי מ׳זאל זיך פירן בחיי יום יום, וכמדובר לעיל, אז דווקא מתוך שמחה וטוב לבב, און דווקא נשמות בגופים, און פונקט אזוי ווי די נשמה דארף זיין בשלימות – אזוי דארף זיין אויך דעם גוף בשלימות, ווי דער ציווי אין תורה ״ושמרתם מאוד לנפשותיכם״,

דאס איז לגמרי קיין סתירה ניט צו מאמר הזהר אז ״תוקפא דגופא חולשא דנשמתא״ – ווארום דא רעדט ער דאך ווען דער תוקף הגוף איז מצד גוף;

אויב אבער דער תוקף איז ביי אים מצד דערויף וואס ער איז מקיים דעם ציווי ״ושמרתם מאוד לנפשותיכם״, וואס דער ווערט א דין אין שו״ע פון שמירת בריאות הגוף כפשוטו – ווערט דאס דעמאלט ניט תוקפא דגופא, דאס ווערט תוקפא דנשמתא, פועל׳ט דאס א תוקף אין דעם גוף.

און אדרבה, דאס שוואכט אפ דעם חומריות וואס איז דא אין דעם גוף, און מאכט די גשמיות שבו אויך מער רוחני ומער כלי לרוחניות שבו, ביז וואנענט אז דאס ווערט א כלי לנשמה שבו,

כמדובר בארוכה – און ווי מ׳זאגט אין הל׳ שבת, אז בשעת דער כלי האט א שיעור מלא, און דער אוכל שבתוכו איז חסר שיעור, און ער איז מוציא בשבת דער אוכל מיט דער כלי, איז דאס ניט קיין מלאכת הוצאה און ער איז פטור, דערפאר וואס דער כלי געווארן אויס מציאות פאר זיך,

[טאקע] מ׳מוז צו איר אנקומען, א ניט קען מען ניט טראגען די משקה מרה״י לרה״ר והפכו – מוז ער האבן דעם כלי;

ביחד עם זה וואס ער מוז איר האבן, מוז ער האבן מערניט ווי צוליב דער משקה שבתוכו, נאר אז אין דער משקה ניטא דער שיעור – איז דער שיעור שבכלי לגמרי ניט תופס מקום, אע״פ וואס ער איז – דער כלי – פועל פעולתו!

וואס דאס איז אויך בנוגע דעם נידון זה, אז צוזאמען מיט די ענינים וואס א יארצייט זאגט מען דאך קדיש וכיו״ב, ענינים וואס זיי זיינען לכאורה פארבונדען מיט ענינים וואס זיי זיינען ניט שמחה,

איז אדרבה: דער ענין הקדיש הויבט זיך דאך אן מיט ״יתגדל ויתקדש שמי׳ רבא״,

אז דאס וועט גאר א הגדלה און א קדושה נאכמערער ווי ס'איז געווען ביז דעמאלט אין דער אויבערשטער נאמען, אין שמו הגדול,

ועד"ז אויך פארשטאנדיק בהנוגע צו שאר מנהגי פון יארצייט, ניט קוקנדיק ווי זיי זעהן אויס בחיצוניות, זיינען זיי א כלי צו דעם אור און דעם פנימיות שבתוכם וואס דאס איז דער שמחה הכי גדולה,

כאמור לעיל – ניט נאר אז דאס אן ענין של תיקון, נאר דאס ווערט אן ענין פון א בני' אין אן אופן נעלה יותר ווי ס'איז געווען ביז דעמאלט, ניט נאר להתתקן אז ס'זאל ניט פעלן, נאר זאל צוקומען שלימות ניט נאר משלים זיין דעם חסרון, נאר צוקומען א שלימות חדשה,

און דורך דערויף וואס א איד טוט דאס בחייו הפרטיים, אדער אין זיין סביבה הפרטית, אדער אין זיין סביבה הכללית,

איז דאך דאס מצטרף מיט מעשים טובים – "כל העולם כולו שקול" ארום אים, און ס'איז מכריע את כל העולם כולו ומביא ישועה והצלה", דער אמת'ע ישועה און דער אמת'ע הצלה: אז ס'קומט משיח צדקינו, און ברענגט מיט זיך מיט די גאולה האמיתית והשלימה, א גאולה שאין אחרי' גלות, ובחיים נצחיים, אז דערנאך איז ניטא דער גאנצע ענין פון העדר,

ס'איז אבער דא דער ענין הליכה, ואדרבה, ביתר שאת וביתר עז, ווארום די הליכה איז געקומען לאחרי הירידה וואס ס'איז געווען בזמן הגלות, ולאחרי הירידה ווי ס'דא דער ירידה אין דעם גוף בפשטות, בשעת די נשמה איז מסתלקת ממנו, קען דאך דעמאלט ווערן אן ענין וואס ס'איז [דארט] שוכן ענינים היפך הטהרה,

וואס אע"פ וואס "קברי צדיקים" איז דאך אינן מטמאין, איז דאך ידוע אז בנוגע אפי' צו דעם ציון אין האדיטש האט מען דאך משתדל געווען אויף מאכן א גדר, כדי כהנים זאל וויסען ביז וואנענט זיי קענען גיין, און אין דערויף האט זיך אויך משתתף געווען דעם אלטע רבינ'ס ברודער, ר' לייבל יאנאוויטשער, כידוע די סיפורים בזה,

וואס דערפאר איז מען דאך אויך נזהר בהנוגע אויך צו קברי צדיקים בכמה וכמה זהירות,

און בקרוב ממש, אז ס'וועט זיין והקיצו ורננו שוכני עפר, וועט מען זיך מיטנעמען, די אלע וואס געפינען זיך אויך אין חוצה לארץ, עאכו"כ די וואס געפינען זיך אין חו"ל אין א פינה נדחת, ניט אין ארט וואס ס'דא א ריבוי פון שומרי תומ"צ,

איז אדרבה – וויבאלד אז ביי זיי די ירידה גדולה יותר, בהנוגע צו דעם קבר כפשוטו, איז דעמאלט דעם עליה אן עליה גדולה יותר,

ובקרוב ממש וועט זיין דער "ילכו מחיל אל חיל", אן הפסק, דערפאר וואס ס'וועט זיין מערניט ווי די עבודה אין קדושה עצמה, ווארום "את רוח הטומאה אעביר מן

הארץ״, און די עבודה וועט זיין אין עלי׳ מחיל אל חיל אין עניני קדושה, ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה״ק,

און ס׳וועט זיין בפשטות, דער ״ילכו מחיל אל חיל״ ווי די סיום אין ברכות און די סיום אין מועד קטן ובכ״מ, און אויך אראפגעבראכט אין אלטע רבינ׳ס שו״ע, אז ״ילכו מחיל אל חיל – יראה אל אלקים בציון״,

בביהמ״ק השלישי, מקדש אדנ־י כוננו ידיך, א בית נצחי שאין אחריו דער ענין פון העדר, ס׳וועט זיין מערניט ווי די הקרבת הקרבנות, ״ושם נעשה לפניך״ אין אן אופן פון ״כמצוות רצונך״, וואס יעדער קרבן פועל׳ט זיך אן עלי׳ אין דער מזבח און אין גאנצע ביהמ״ק, אין אים גופא ״ילכו מחיל חיל״,

און די אלע ענינים במהרה בימינו ממש. לחיים.

* * *

ג. מ׳האט דאך פריער גערעדט אז צום אלעם ערשטען איז דאס אז מ׳זאל זיין א חי,

ווי מ׳זעט דאך אויך בכל יום יום, איז די התחלת היום איז אז מ׳זאגט ״מודה אני לפניך מלך חי וקיים״, און ווען זאגט ער דאס? כשניעור משנתו און ער כאפט זיך אז ער איז לעבעדיק – ״שהחזרת בי נשמתי״, און דערנאך גייט אוועק די עבודת כל היום כולו.

ועד״ז בנוגע צו יעדער אידן און צו יעדער נברא, וואס ״כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו, דארף דאך יעדער נברא משתדל זיין לכוון – אויספירן – זיין עניין וואס דאס איז ״לכבודו״ של בורא עולם ומנהיגו.

איז צום אלעם ערשטן דארף ער זיין א חי און א מציאות, וואס אט דעמאלט איז חל אויף אים די ציווים, צי דאס איז שבע מצוות בני נח לכל (בני אדם) בני נח, אדער די תרי״ג מצוות לבנ״י.

וואס אין חיות גופא איז דאך דא כמה וכמה דרגות,

אע״פ וואס דער צד השוה איז אז פון דעם רגע ראשון וואס תינוק יוצא ממעי אמו, ביז דעם רגע אחרון אין מאה ועשרים שנה, איז דער נקודה משותפת איז אז דער גאנצן משך זמן איז ער געוועזן א חי.

אעפ״כ איז דאך אין דערויף דרגות, ס׳איז דאך אינו דומה דער חיות מיט דער לעבעדיקייט ווי ס׳דא ביי א תינוק בן יומו, אדער ווי ס׳דא ביי א ״בן עשרים לכח״, ועד״ז (אין דער דרגות שבינתיים) אין דער שנים שבינתיים אדער אין די שנים שלאחרי זה.

און ווי מ׳זעט בפשטות איז אויך, ווען זעהט זיך אן א חיים מיט עפעס וואס א תוכן, און ווען הויבט זיך דאך אן בעיקר – הויבט זיך דאס אן משהתינוק מתחיל לדבר, עאכו״כ ווען הגיע לחינוך.

און ווי מ'זעהט דאך אויך בפועל: אז אע"פ וואס א סימן פון חיות איז אז דאס וואקסט, ניט נאר ביי צומח אפי' ביי א בעל חיים, אפי' ביי א מדבר, איז דאך אינו דומה דער מידת הגידול ווי ביי א מענטשען איז, דער אופן פון די הוספה אין דעם גידול משיצא ממעי אמו, פון א תינוק בן יומו, אין די שנים הקרובים, הראשונים, אדער דערנאך אין די שנים שלאחרי זה משהגיע לחינוך, אדער שנים שלאחרי זה אפי' נאך בר מצוה, און ווי בכלל הויבט זיך אן ימי העמידה, לאחרי עשרים אדער שלשים שנה כמבואר אין ספרים, וואס דעמאלט ווערט ניט [ניכר] דער גידול בכללות, מערניט ווי שמועה טובה תדשן עצם וכיו"ב.

און ווי כאמור, ווי מ'זעהט דער שינוי משנה לשנה ווי ס'דא אין א קינד, איז דאס בעיקר ניכר ניט צווישען ווען ער איז דרייצען יאר און פערצן יאר, אדער צוועלף יאר און דרייצען יאר – ביי א מיידעלע, נאר ס'איז מערער ניכר אין די יארן שלפני"ז,

וואס אט דעמאלט איז דער שינוי אין זייער גידול בגוף משנה לשנה איז מערער ניכר, וואס דאס באווייזט אז די חיות איז מערער ניכר אין די שנים שלפני"ז,

ווי מ'זעהט דאס בפשטות בעיני בשר.

ס'איז דאך א זיכערע זאך אז דער גוף איז פארבונדן מיטן גידול הנשמה, איז דערפון אויך פארשטאנדיק בהנוגע צו גידול הנשמה, עכ"פ לתקופה זו.

וואס דערפאר איז בשעת מ'קומט צו א התוועדות טאקע פארבונדן לכאורה מיט א יארצייט, שרייבט דאך אבער די רמב"ם אין די הלכות וואו ער רעדט וועגן די ענינים – אז דאס איז "מדרכי התשובה", ובל' הכתוב ווי ער ברענגט אראפ "והחי יתן אל לבו", אז ער דארף נעמען דאס צום הארצן פון דעם חי און זיין חיות שלו, ווי אזוי דערפון זאל ביי אים צוקומען – "יוסיף חיים על חייו",

און אע"פ וואס דער מאורע לכאורה איז א ענין הפכי, דארף ער דערפון "ישיב אל לבו" – זיך מתבונן זיין און ארויסנעמען דערפון ווי אזוי "יוסיף חיים על חייו" – בפשטות ע"י עבודת התשובה, וואס זי ברענגט דאך להוספה אין לימוד התורה, "מאן דמוסיף יוסיף", און הוספה אין לימוד מצוותי', אויף וועלכע מ'זאגט "אשר יעשה אותם האדם וחי בהם",

ועד"ז פארשטאנדיק אויך בהנוגע שנים שלפני זה ושלאחרי זה.

וואס דערפאר איז דאך אויך דער זמן המתאים, וויבאלד אז דא געפינען זיך כמה וכמה פון בני הנוער, וואס זיי זיינען נאך פאר בר מצוה, און וואס זיי האבן פארבראכט – זיי האבן (?) אויסגענוצט בזמן החופש

– מצד די מנהג משונה, וואס ס'דא בתי ספר ותלמודי תורות, אדער מחלקות, כיתות אין ישיבות וואס זיי ארבעטן ניט מיט די גאנצע שטורעם בימי הקיץ,

זיינען זיי געפארן אין מחנה קיץ, וואס דארט האבן זיי זיך אנגעזאפט מיט תורת חיים און מיט הכנה און חינוך צו מצוותי', וואס אויף זיי זאגט מען "וחי בהם",

וואס אט דער חינוך ווערט די הכנה מתאימה, און וואס מערער ס'קומט צו אין חינוך אז מ'איז "חנוך לנער", קומט אלץ מערער צו אין "גם כי יזקין",

אזוי מ'זאל זיי אויך מכבד זיין אט די וואס געפינען זיך דא, און זיי זאלן אויך ווערן שלוחים צו זייערע חברים, אדער דער מיידעלאך צו זייערע חברות'טעס במחנה קיץ שלהן,

אז מ'זאל וויסען זיין אז יעדער איד דארף זיין א חי, וואס דער ערשטע סימן פון חיות איז אן ענין של מרץ, אז אין לו מנוחה – ער קען ניט איינרוען!

און ווי מ'זעט דאס אויך בפשטות, אז א קינד איז בטבע קען ניט רוען.

אן ערוועקסענע מענטש פארקערט, ס'איז גאר דא זמנים אז ער זוכט געלגנהייט אז ס'זאל יא זיין מנוחה;

א קינד בטבע גלייך ווי ער ווערט געבארען, הויבט ער גלייך אן מנענע זיין בידיו וברגליו, ועד"ז גייט דאך אויס דערנאך ווען הגיע לחינוך, האלט ער אין איין ריידען און פרעגן שאלות, האלט ער אין איין באוועגען, און ער קען ניט רוען אויפן ארט און איז מבלבל די עלטערן מיט די מדריכים זיי זאל אים ענטפערן אויף די שאלות און זיי זאלן געפינען פאר אים מיט וואס ער זאל זיין עסוק וכו', ווארום ניט זיין עסוק איז דאס היפך הטבע פון א קינד!

און מחנכים דארפן זיך משתדל זיין, אז זיי מחנך זיין [זייערע מחונך] זאל זיין עסוק אין א דבר א טוב ומועיל ויפה, מיט דעם שיעור פון רמב"ם פון היינטיקען טאג כפי שיתבאר לקמן בעז"ה,

און דורך דערויף קומט ביי זיי אויך צו – מאיר עיני שניהם הוי', אז אויב אפי' מצד עצמם וואלטן זיי געזוכט א געלגנהייט אויף אפרוען זיך, לאזן זיי ניט די קינדער רוען און זיי טורקען זיי און מאנען ביי זיי זאלן גיין מחיל אל חיל,

און אזוי ווי דאס רעדט זיך וועגן א התוועדות, זאל יעדערער פון זיי אויך זאגן לחיים, און דערנאך זאל זיין אלע צוזאמען זינגען א ניגון של שמחה,

און דאס זאל זיין א התחלה טובה – אפי' אז מ'איז שוין ארויס פון קעמפ, בשעת מ'וועט קומען דערנאך יעדערער צו זיך אהיים, וואס בשעת ער גייט פון דער היים אין בית הכנסת אדער אין ת"ת, גייט ער דאך דורך א גאס און א רשות הרבים, וואס ווער ווייסט וואס פאר א ווינטען ס'בלאזן דורטן, זאל ניט נאר אז דאס זאל ניט האבן קיין השפעה אויף אים חס ושלום, נאר אדרבה ער איז מהפך דעם רשות הרבים אז דאס זאל ווערן רשות היחיד, ליחידו של עולם.

וכאמור, יעדער ענין דארף דאך געטאן ווערן במרץ, אויב דאס איז אן ענין טוב און

אן ענין של מצוה וחינוך, על אחת כמה וכמה ווען ס'רעדט זיך וועגן קינדער וואס זיי זיינען בעלי מרץ,

איז אט די מדריכים זייערע, אדער די משפיעים זייערע, אדער די חברים הגדולים מהם וואס געפינען זיך בסביבתם, זאלן זעהן אז יעדערער פון זיי זאלן זאגן לחיים, און זיך משתתף זיין אין א ניגון, און א ניגון של שמחה,

און די כל המתוועדים פה זאלן נעמען חלק בשמחתם ובשירתם און אויך אין אמירת לחיים, איז פון די אלע זאכן צוזאמען וועט צוקומען דעם צואיילען דער שיר חדש במהרה בימינו ממש, שיר לשון זכר, ווארום דאס איז פארבונדן מיט דער שיר של גאולה שאין אחרי' גלות, ובמהרה בימינו ממש.

* * *



## כאילו רואה בעיניו

"אע"פ שלמד... ב"קונטרס", ב"לקוטי שיחות", הרי הכל טוב ויפה, אבל אין זה דומה כלל לעבודה באופן ד"ראה אנכי נותן לפניכם היום", היינו, שעבודתו היא באופן כאילו רואה בעיניו ממש את המשלח, נשיא דורנו, שנותן לפניו היום שליחות זו!

ובלשון הירושלמי בפירוש הכתוב "אך בצלם התהלך איש" – "יהא רואה בעל השמועה עומד נגדו", אשר, ענין זה הוא מצד גודל העילוי דראיית פני רבו, "עיקר הלימוד מרבו בראיית פנים, כדכתיב והיו עיניך רואות את מוריך"... ובפשטות: כש"צלם של רבו", נשיא דורנו, עומד לנגדו – הרי כל המניעות והעיכובים כו' למילוי שליחות רבו מתוך שמחה וטוב לבב, או למילוי השליחות בכלל – מתבטלים לגמרי!"

(משיחת ש"פ ראה תשמ"ו)

מוקדש
לחיזוק ההתקשרות אל
**כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו**
זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

*y.w. designgraphic*

ועד תלמידי התמימים העולמי - 770
Tel. (718) 771-9674
Emai: VaadHatmimim@gmail.com